# אוצר השבת

ארויסגענומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מצות קידוש

### עיקר קידוש איז נאר פרייטאג צונאכטס

**מיר** מאכן קידוש פרייטאג צונאכטס כאטש השם יתברך אליין הייליגט שוין דעם שבת, קען זיין ווייל פרייטאג צונאכטס, בלויז דורך דעם וואס מיר טוען נישט קיין ארבעט, דערקענט זיך נאכנישט אז מיר רוען צוליב דעם קדושת השבת, וויבאלד א גאנצע וואך איז אויך אזוי אז ביינאכט ווען עס ווערט טונקל ארבעט מען נישט. דעריבער קענען מיר נאכנישט זוכה זיין צו מקבל זיין די העכערע קדושה מיט וואס השם יתברך הייליגט דעם שבת. דערפאר מאכן מיר קידוש, ווייל דורכדעם וואס מיר הייליגן דעם שבת קודש, דערקענט זיך אז דאס וואס מיר רוען פרייטאג צונאכטס איז בלויז צוליב דעם הייליגן שבת.

**אבער** שבת בייטאג, וואס דער געוועגליכער סדר אין די וואכן טעג איז אז דער מענטש גייט ארויס צו זיינע געשעפטן, ווי עס שטייט אין פסוק יֵצֵא אָדָם לְפָעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ עֲדֵי עָרֶב [תהלים ק"ד כ"ג] - דער מענטש גייט ארויס פרימארגן צו זיין ארבעט, און קערט זיך צוריק אין אוונט צו זיין הויז, דעמאלטס דערקענט זיך אז די אידן רוען נאר צוליב קדושת השבת, דעריבער ווערן זיי ראוי מקבל צו זיין די העכערע קדושה מיט וואס השם יתברך הייליגט דעם שבת, און דערפאר פעלט נישט אויס אז מיר זאלן בייטאג אויך דארפן הייליגן דעם שבת. **פרי צדיק קדושת השבת מאמר ד'**

### די סגולות פון קידוש

**די** גמרא דערציילט אז די תלמידים פון **רבי זכאי** האבן אים געפרעגט אין וואס פאר א זכות ער לעבט לאנגע יארן, האט ער זיי געענטפערט: איך האב קיינמאל נישט מבטל געווען צו מאכן קידוש. **מגילה כ"ז:**

**אין** פסוק [בראשית ב'] שטייט **וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ** - הקדוש ברוך הוא האט געבענטשט און געהייליגט דעם טאג שבת. פון דא ווייסן מיר אז דער מענטש וואס מאכט פרייטאג צונאכטס קידוש אויף וויין פארלענגערט מען אים זיינע טעג און יארן אויף די וועלט, און מען פארמערט אים יארן צו לעבן אויף יענע וועלט. **פרקי דרבי אליעזר פי"ח**

**די** גמרא זאגט אז ווער עס איז געווארנט צו מאכן קידוש, איז זוכה אנצופילן פעסער וויין. **שבת כ"ג:**

**די** גמרא דערציילט אז **רבי זכאי** האט געזאגט: איך האב קיינמאל נישט פארפעלט צו מאכן קידוש. איך האב געהאט אן אלטע מאמע, וועלכע האט אמאל פארקויפט איר טיכל פון קאפ און מיר געברענגט וויין פאר קידוש. אין דעם זכות האט איר השם יתברך באשאנקען מיט דריי הונדערט פעסער וויין, און ער, רבי זכאי, האט איבער געלאזט פאר זיינע קינדער דריי טויזנט פעסער וויין. **מגילה כ"ז:**

**לויט רש"י** [כתובות קי"א:], וואס זאגט אז "גרב" איז א סאה וואס איז בערך 14.4 ליטער [לויט דעם שיעור פון חזון איש], וואס דאס איז 486.912 אונסעס, קומט אויס אז דריי הונדערט גרבי וויין איז א חשבון פון 146,073.6 גאלאן!!! און דריי טויזנט גרבי וויין איז 1,460,736 גאלאן!!!

### נס פורים איז געווען צוליב דעם זכות פון קידוש

**המן'ס** הרשע מפלה האט זיך אנגעהויבן נאר אין

# מצות קידוש

דעם זכות וואס אידישע קינדער האבן מקיים געווען אום שבת די מצוה פון קידוש מאכן אויף וויין. דער **מגן אברהם** [סי' רע"א סק"א] פסק'ענט אז קידוש מאכן אויף וויין איז א מצוה דרבנן, און עס שטייט אין מדרש [מדרש תנחומא נשא סי' כ"ט, מדרש רבה במ"ר פי"ד ד'] אז הקדוש ברוך הוא האט געזאגט אז אלעס וואס די חכמים וועלן גוזר זיין זאלט איר איינהאלטן, ווייל צו זייערע רייד וועל איך שטענדיג מסכים זיין. אצינד האט השם יתברך געמאכט פאר זיי דעם נס פורים צוליב דעם וואס מען האט אויסגעפאלגט די רייד פון די חכמים און מען האט קידוש געמאכט אויף וויין. **ייטב פנים לפורים ד"ה ביום השביעי**

## פארוואס רופט מען דעם נאמען קידוש

**מען** רופט די מצוה מיטן נאמען "קידוש", ווייל דאס איז א דערהויבענע און גרויסע מצוה וואס האט אין זיך דעם כח צו הייליגן דעם מענטש, כדי צו מאכן רוען א העכערע קדושה אויף אים.

**די** פשוט'ע כוונה אין די מצוה דארף צו זיין אז מען זאל מקבל זיין אויף זיך צו היטן און צו הייליגן דעם שבת, כדי דאס זאל זיין א הילף פאר דער וועלט צו קענען שטיין ווייטער, ווייל דאס איז דער רצון פון הקדוש ברוך הוא.

**שלחן הטהור מאמרי שבת קודש, כוונת קידוש היום**

## התעוררות למצות קידוש

**מיין** טייערער ברודער: אויב בלויז צוליב די איינע מצוה פון קידוש ווערט מען ראוי צו ווערן א שותף מיט הקדוש ברוך הוא אין די מעשה בראשית (ווי די חז"ל זאגן), און אויך איז מען דערמיט גורם אז די וועלט זאל האבן די מעגליכקייט ווייטער צו קענען שטיין אויף די קומענדיגע זעקס טאג (ווי דער **אור החיים הקדוש** זאגט [פ' בראשית עה"פ כי בו שבת]), איז דאך זיכער אז אלע העכערע וועלטן האפן און קוקן ארויס אז אידישע קינדער זאלן מקיים זיין די געהויבענע מצוה, און באזונדער די נשמות וואס באגלייטן דעם מענטש צוזאמען מיט דעם נפש יתירה.

**דעריבער** זאלסטו אינזין האבן אז דיין מויל וואס מאכט קידוש ווערט געהייליגט מיט א העכערע קדושה, ווייל אלע מלאכים, אלע נשמות, און ווי אויך די הייליגע אבות און אלע העכערע וועלטן, הערן יעצט דיינע רייד פון קידוש, ווי זיי גייען ארויס פון דיין מויל מיט גרויס פרייד און מיט כוונה פון טיפעניש פון דיין הארץ. דעריבער זאלסטו אנגרייטן דיין מויל, דיין מוח און דיין הארץ אינזין צו האבן מקיים צו זיין די מצות עשה וואס השם יתברך האט באפוילן אז מיר זאלן הייליגן דעם שבת קודש.

**שלחן הטהור מאמרי שבת קודש, כוונת קידוש היום**

## זהירות נישט עובר זיין קיין לאו בשעת קידוש

**מיר** זענען באפוילן געווארן עדות צו זאגן אום שבת מיטן זאגן **וַיְכֻלּוּ**, אז השם יתברך באנייט מיט זיין גוטסקייט די גאנצע וועלט באשאף פון א גארנישט [יש מאין]. אויב איז מען דאס חס ושלום מבטל, אדער מען טראכט נישט אריין אין דעם דאס צו פארשטיין, און דאס צו גלייבן מיט א שטארקע פעסטקייט אין הארץ, איז דאס גלייך ווי מען זאגט אן עדות ווען מען האט נאר געהערט וואס אנדערע האבן דערציילט, אדער ווי איינער וואס האלט צוריק צו זאגן זיין עדות'שאפט בשעת דער בית דין הערט אויס די טענות, וואס דערמיט איז מען עובר אויף דעם לאו פון **לֹא תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ עֵד שָׁקֶר**.

**דרך פקודיך מצות ל"ת ל"ז חלק המחשבה אות ט'**

**לכתחילה** דארף מען קענען די טייטש ווערטער פון קידוש, ווייל מען דארף פונקליך וויסן וואס מען זאגט עדות, וואס מיינט 'ויברך אלקים את יום השביעי' מיט וואס האט השי"ת געבענטש דעם שבת, אין מדרש אז דא מערערע ענינים אויף די ברכה פון שבת, 'ויקדש אותו' מיט וואס האט השי"ת געהייליגט דעם שבת, וואס מיינט הייליגער שבת, וואס זאגט מען עדות, האט השי"ת אלעס געענדיגט פאר שבת אדער נישט, ווייל אויב פארשטייט מען נישט די עדות איז מעגליך אז מען עסט די סעודה אן קידוש און מען דארף א יום כיפור תשובה צו טוהן אויף עסן אן קידוש.